תולדות רבינו
ר' עקיבא אייגער

קרייז-רבינער פון פוזנא, דער מחבר פון שאלות ותשובות רע"ק און אנדערע ספרים.

דא איז בעשריבען פון זיין געבורט ביז זיין הסתלקות. זיינע גוטע מדות און פיל וואונדערליכע ענינים. פריי איבערזעצט פון ריכטיגע קוועלע מיט אפארדערע

פון יהושע הלוי מזח.

ווילנא

ТОЛДАСЪ РАБЕЙНУ АКИВА ЭЙГЕРЪ.

т. е. Родословіе рав. Эйгера.

Соч. О. Х. Мейваха.

Соб. изд. Ф. Маца.

363

ВИЛЬНА.
Типографія Л. І. Мапа, Завальная 30. 1913 г.

כעין הקדמה

(אזוי גוט וויא אפארעדע)

דיא ביאגראפיע פון אגרויסען מענשען האט פיל צו בעדייטען. דאס ערשטע; דער פראקטער עולם׳ זאל זעהען אז בייא יודען זיינען אלע מאל געוועזען גרויסע מענשען, וואס מיט זייער תורה אונ חכמה האבען זייא געשיינט אויף דער וועלט וויא די ליכטיגע זונן. צווייטינס: מיר זינדיגע מענשען זאלין זיך אפ לערנען א מוסר פון זייערע גוטע מעשים צוא זיין אין זייערע וועגין, דריטענס; דיא נעמען פון דיא גרויסע צדיקים גאונים חכמים, קדושי עליון זאל בלייבען אויף עווית צום גוטען אנדיינקען.

איך האף אז מיין נעגענווערטיגער ספר׳ל וועט ערבייכען דעם ציעל נאך וועלכען מיר שטרעבען, אונ דער זכות פון דעם בארימטען גאון, וואס מיר עררינערין זיין נאמען צום עוויגען אנ-דיינקען וועט אונז בייא שטיין אז מיר זאלען קענען שרייבען אונ דרוקען נאך אנדערע תולדות פון גרויסע בעריהמטע מענער אונ אונזערע מיה זאל זיין אנגענומען בייא דיא לעזער והיה זה שכרי.

שר של ים.

א.

צוועלף טעג (י״א) אין חדש מרחשון, בשנת תקכ״ב (1762) איז געבארען געווארען רבינו הגאון ר׳ עקיבא איגער ז״ל אין דער שטאדט „אייזענשטאדט״ אין אונגארין.

אלס קינד ווייניגער פון פיר יאר האט מען ערקאנט אז ער איז אן עלטער קאפ, ער האט זיך ערווייטערט פון אלע קינדערשע פערגעניגען. זיין צייט האט ער פארבראכט נור אין לערנען און אין דאווענען.

פון זיין ביידען מיט מענשען און פון זיין אויפפיהרונג, האט מען געזעהען דאס ער וועט זיין א גרויסער הייליגער מאן.

אז ער איז א ביסעל גרעסער געווארען אין יאהרען, האט מען אין ווייטע לענדער געהערט פון זיין גרויסקייט, זיין נאמען האט געקלונגען.

זיינע עלטערין, הרב ר׳ משה גינז און גיטל, האבען זייער טהייערין בכור אבגעגעבען צוא הגאון רבי נתן נטע זצ״ל אין שטאדט „מאטערסדארף״ ניט ווייט פון זייער שטאדט אייזענשטאדט.

ביז רבי עקיבא איז אלט געווארען צוועלף יאהר, האט ער זיך ערצויגען ביי דעם גאון אין הויז, רבי נתן נטע האט מיט איהם געלערנט און רבי עקיבא האט מצלים געוועזען אין לערנען, פיעל מענשען האבען באוואונדערט זיין גרויסקייט, אין לערנען. דען דאס איז געוועזען איבער נאטירליך.

ב.

רבי עקיבא האט געהאט א פעטער (זיין מוטערס א ברודער) הגאון רבי וואלף זצ״ל אין דער שטאדט ברעסלא. ער איז דארטען געוועזען א ראש ישיבה, געלערנט מיט גרויסע תלמידים גמרא מיט פלפול וויא דער שטייגער איז געוועזען אין יענער צייט.

אַמָאהל הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט אַשְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף אַ הֲלָכָה, עֶר הָאט נִיט גִיוואוּסְט קַיין תֵּירוּץ. עֶר הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא אַלֶע ברעסלער לוֹמְדִים זַייא הָאבֶּען אוֹיךְ נִיט גִיוואוּסְט צוּ פַאר עֶנְטְפֶערִין.

רבי וואלף הָאט דוּרךְ אַבְּרִיף גִיפְרֶעגְט דִיא קַשְׁיָא זַיין שְׁוָואגֶער רבי משה נינז, אָבֶּער רבי משה הָאט אוֹיךְ נִיט גִיוואוּסְט צוּ עֶנְטְפֶערִין.

רבי משה הָאט דִיא קַשְׁיָא גִיפְרֶעגְט זַיין זָאהן רבי עקיבא וָואס אִיז דֶענְסְטְמָאל אַלְט גִיוֶועזֶען דִיא דְרַייצֶעהְנְטֶע יָאהר, דָאס קִינְד הָאט בַּאלְד גִיעֶנְטְפֶערְט אַרִיכְטִיגֶען תֵּירוּץ, דֶער פָאטֶער אִיז דֶער פוּן נִתְפָּעֵל גִיוָוארֶען אוּנ בַּאלְד הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט זַיין שְׁוָואגֶער דֶעם תֵּירוּץ אִין נָאמֶען פוּן זַיין זָאהן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט אַלֶע לוֹמְדִים אִין ברעסלא הָאבֶּין זִיךְ גִיוואוּנְדֶערְט צוּ הֶערֶען אַזַא שֵׂכֶל'דִיגֶען תֵּירוּץ פוּן אַיוּנְגֶען קִינְד, זַייא אַלֶע צוּ זַאמֶען הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ רבי משה נינז, דָאס זַייא פֶערְלַאנְגֶען פוּן אִיהם; עֶר זָאל שִׁיקֶען זַיין זָאהן אִין ברעסלא זַייא ווילֶען אִיהם זֶעהֶען, דֶער צוּ הָאבֶּען זַייא גֶעשִׁיקְט צַקָארֶעטֶע פַאר אִיהם עֶר זָאל בַּאלְד קוּמֶען.

רבי משה מִיט זַיין פְרוֹיא הָאבֶּען זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זֵייעֶר זָאהן, עֶס אִיז זַייא גִיוֶועזֶען שְׁוֶועהר זִיךְ צוּ שֵׁיידֶען מִיט אִיהם, נוּר זַייא הָאבֶּען בַּארֶעכֶענְט דָאס פַאר אִיהם וֶועט דָאס זַיין אַגְרוֹיסֶע טוֹבָה, זַיין אֶנְקֶעל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיט אִיהם לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער צוּ וֶועט עֶר בֶּעקַאנְט וֶוערֶען מִיט דִיא גְאוֹנִים פוּן ברעסלא וֶועט זַיין שֵׂכֶל וֶוערִין שַׁארְפֶער אוּנ שַׁארְפֶער.

אַז רבי עקיבא אִיז אַלְט גִיוָוארֶען דְרַייצֶעהן יָאהר, אִיז עֶר גִיקוּמֶען אִין ברעסלא.

זַיין פֶעטֶער אוּנ אַלֶע גְאוֹנִים וָואס זַיינֶען אִין יֶענֶער צַייט גִיוֶועזֶען אִין ברעסלא, הָאבֶּען זִיךְ מִיט אִיהם גִיפְּרֵייט אוּנ שְׁטַארְק מְקָרֵב גִיוֶועזֶען.

רבי עקיבא האָט גיוואָלט לערנען אין דער ישיבה ביי זיין פֿעטער, אָבער דיא תּלמידים האָבען מיט צוויי וואָכען פֿריהער אָנגעפאַנגען איין ענין אונ זייא האַלטען אין מיטען ענין.

— דוא מוזסט וואַרטען — האָט דער ראש ישיבה גיזאָגט — ביז דיא תּלמידים וועלין ענדיגען דעם ענין אונ וועלען אָנפֿאַנגען אַנייעם ענין.

— איהר זאָגט מיר נור — האָט רבי עקיבא געענטפֿערט — וועלכען ענין זייא האַלטען. וועל איך פֿאַר זיך לערנען פֿון אָנפֿאַנג ענין ביז איך וועל האַלטען מיט זייא גלייך.

— דאָס איז אַשווערע זאַך — האָט דער ראש ישיבה גיענטפֿערט — וויא אַזוי וועסט דוא צו קומען צו דעם אָרט וואו זייא האַלטען? שוין צוויי וואָכען וויא זייא לערנען דעם ענין אונ לערנען פֿאַרוואָרטס, וועסט דוא נאָך ניט קאָנען קומען ביז דעם אָרט וואו זייא האַלטען.

— איך וויל נור וויסען דעם ענין וואָס זייא לערנען — האָט רבי עקיבא געזאָגט —

דער ראש ישיבה האָט איהם גיזאָגט דעם ענין אונ רבי עקיבא האָט זיך גיזעצט אין בית המדרש, איינינע שטונדען האָט ער פֿאַר זיך גילערינט דעם ענין פֿון אָנפֿאַנג ביז דעם אָרט וואו זייא האָבען גיהאַלטען, נאָכדעם איז ער גיגאַנגען צום ראש ישיבה אונ האָט גיזאָגט: פֿעטער: פֿאַר הערט מיר דעם ענין אויב איך ווייס איהם קלאָהר.

דער ראש ישיבה האָט איהם פֿאַרהערט אונ האָט זיך זייער שטאַרק גיוואונדערט.

— איך וואונדער מיך צו זעהען אַז איין ענין וואָס מיר לערנען שוין צוויי וואָכען, האָסט דוא איהם אויס גילערינט אין צוויי שעה.

דער [illegible] ישיבה האט דאס ערציילט זיינע תלמידים ,
האבען [illegible] זיך אויך געוואונדערט .

— אויב עס וועט זיך מאכען (טרעפען) אמאל אז איך וועל ניט קענ[illegible] לערנען מיט אייך — האט דער ראש ישיבה געזאגט צו זיינע תלמ[illegible] · וועט מיין שוועסטערס זאהן עקיבא פארטרעטען מיין שטעל[illegible] ונעט מיט אייך לערנען אזוי וויא איך .

ג.

דיא שטאדט ליסא איז ניט ווייט פון ברעסלא , דארטען האבען געוואהנט גרויסע גאונים צדיקים אונ גבירים אונ גרויסע מיוחסים .

איינער פון דיא גרעסטע גבירים , צדיקים אונ מיוחסים איז געוועזען ר׳ איצק מרגליות ז״ל , ער האט געהאט א טאכטער א בתולה אצנועה מיט פיל מעשים טובים , וויא דער מנהג העולם איז , האבען שדכנים גערעדט איר שדוכים פון נאהענט אונ ווייטע שטעדט .

דער מרגליות האט געהערט וויא פיל לומדים ערציילען פון דיא גרויסקייט פון רבי עקיבא׳ן , האט ער געוואלט איהם נעמען פאר איין איידעם . האט ער גינומען צווייא גרויסע תלמידי חכמים אונ ער איז מיט זייא אוועק געפארען אין ברעסלא זעהען רבי עקיבאן , אויב דאס איז אמת וואס ער האט וועגין איהם געהערט .

זייא האבען זיך איבערצייגט דאס רבי עקיבא איז נאך פיל גרעסער אין לערנען וויא לייטע ערציילען פון איהם , האבען זייא באלד גערעדט מיט זיין פעטער , דעם ראש ישיבה , ער זאל מסכים זיין אויף דעם שידוך .

מרגליות האט פארשפראכען פיל געלד אונ צוא שטיצען זיין איידעם נאך דער חתונה ער זאל קענען זיצען במנוחה על התורה והעבודה .

דער

דער ראש ישיבה אונ רבי עקיבא'ס עלטערין האבען אויף דעם סכּכים גיוועהן, אונ ער איז געוואָרען אַחתן.

איידער ער איז גיפאהרען אין ליסא שרייבען תנאים האט ער גיבעטען זיין פעטער ער זאל איהם זאגען חידושי תורה וואס ער זאל זייא קענען זאגען צו תנאים אין זיין נאמען.

— מחמת דוא בּינסט בייא זיך איין עני — האט דער ראש ישיבה גיענטפערט — קאנסט דוא זיך אליין ניט, דוא דארפסט ניט מיינע חידושי תורה, דוא האסט געווג איינענע וואס דוא האסט מחדש גיוועהן.

אויף תנאים זיינען גיוועהן גילאדען דיא גרעסטע לומדים פון ליסא, אז זייא האבען גיהערט דיא חידושים וואס רבי עקיבא האט גיזאגט, האבען זייא גיזאגט צוא זיין מחותן: איהר מיינט אז ער וועט ווערין אַגרויסער למדן, זאגען מיר איך אז ער וועט זיין דער גרעסטער גאון אין אונזער דור.

ר' יצחק (איציק) מרגליות האט איהם אָבגיגעבּין אגרויסע שיינע הויז מיט אַגרויסען גארטען מיט אַגאנץ גרויסען ביבּליותק וואס ער זאל קענען זיטצען אונ לערנען מיט גרויס הרחבה. מיט גרויס פערגעניגען.

אין ליסא איז גיוועהן דיא חתונה גרויסארטיג. אויך אין ברעסלא האט זיין פעטער אין יענעם טאג געמאכט אסעודה פאר דיא לומדים פון שטאדט. אונ זייא אלע האבען צו איהם אונ צו דיא כּלה "גליקכת" אונ צוא דיא מחותנים געשריבען אפבריינדליכען מזל טוב.

דער ראש ישיבה האט צו איהם געשריבען אַוויכטיגע שאלה, אונ רבי עקיבא, הגם ער איז גיוועהן פארנומען מיט דער חתונה, האט ער גיענטפערט אַטיפזיניגע תשובה.

באלד נאך דער חתונה האט ער מיסד גיוועהן אַגרויסע ישיבה אונ ער איז גיוועהן דער ראש ישיבה.

ד.

דער הייליגער רבי עקיבא, הָגם ער איז פון דער נאטור גיוועזן אַשְׁלַאפֶער מענש און אַבַּעל יסורים און דער צוא האט ער ווייניג גיגעסין ווייניג געטרונקען, נור גיזעסען און גילערנט, טאג און נאכט האט ער זיך עוסק גיוועזן אין תורה און עבודה.

ער האט גישלאפען זייער ווייניג, נאך האלבע נאכט איז ער אויף געשטאנען מיט גרוים זריזות, און פלעגט גיין אין מקוה זיך טובל זיין, עס האט איהם קיין זאך ניט אפגעהאלטען דער פון, קיין רעגען קיין שנייא, קיין ווינד קיין פראסט.

ווינטער אז דיא מקוה איז גיוועזן פארפרארען פלעגט ער ביא נאכט אויפהאקען דיא אייז און זיך טובל זיין, ער האט גיהאט אַשליסעל צו עפענען דיא מקוה ער זאל ניט ברויכען ביא דעם בעדער זיין שליסעל.

זיין פאמיליע האבען מורא געהאט טאמער וועט איהם שאדען צו זיין שוואכען קערפער, האבען זייא גיבעטין דיא דאקטורים אז זייא זאלין איהם אבהאלטען פון דעם, דיא דאקטורים האבין מיט איהם פיל מאל גירעדט וועגען דעם, אבער ער האט זייא אויך ניט גיפאלגט, ער פלעגט טאהן דאס זייניגע, אלע נאכט גיין אין מקוה.

דיא חויז מענשען האבען גיזעהען דאס דיא דאקטורים פאלגט ער אויך ניט, האבען זייא גיזוכט מיטלען איהם אפ צוא האלטען פון פיל נאכען.

אמאל אין אגרויסין פראסט האבען זיי ביא איהם שטילערהייט צו גינומען דיא שליסעל פון מקוה, כדי ער זאל ביא נאכט ניט גיין זיך טובל זיין.

ער איז האלבע נאכט צייט אויפגעשטאנען וויא זיין שטייגער איז גיוועזן, גיוואלט גיין אין מקוה. ער האט גיזוכט דיא שליסעל, ער האט ניט גיפונען, האט ער זיך שטארק מצער גיוועזן.

(ר׳ עקיבא) פלוצלונג

פלוצלונג האט ער דער הערט איינער אפט אין ני'ן פענסטער, ער האט זיך גיוואונדערט אונ גיפרעגט זער קלאפט?

— דער שומר פון מקוה -- האט יענער גיענטפערט ווארום איך האב אייך געבראכט דיא שליסעל פון מקוה.

דיא הויז מענטשען האבען איהם גיפרעגט; וויא אזוי האט ער גיוואוסט אז ר' עקיבא דארף דיא שליסעל? -- האט דער שומר גיענטפערט: אין שלאף האב איך גיהערט ווייז איינער האט צו מיר גיזאגט: רבי עקיבא איינער זוכט דיא שליסעל פון מקוה אונ געפינט ניט, גייא טראג איהם אוועק דיין שליסעל, האב איך אזויא גיטאהן.

די הויז מענשען האבין גיהערט דעם וואונדערליכען אנטווארט, האבין זייא פארשטאנען אז דאס איז איין געטליכקייט, ניין ניין אין סכנה וועט איהם ניט שאדען, האבען זייא איהם געלאזען טאהן וויא ער וויל.

—◦◦◦—

ה.

חיא גרוים זיין התמדה איז גיוועזען אין לערנען אונ וויא שטארק זיין התלהבות איז גיוועזען אין דאוונען האט ער זיך דער מיט ניט בענוגענד, ער איז גיוועזען אגרויסער בעל גמילות חסד קיינער איז ניט אימשטאנד אוים צו שרייבען ריכטיג וויא גרוים אונ וויא שטארק ער האט ליב געהאט אלע מענשען, זייא צוא טאהן טובות, אין יעדער צייט, ווען ער האט גיהערט דאס איינער דארף האבען אטובה, האט ער מיט אלע מעגליכקייט נעזוכט מיטלען יענעם צו טאהן דיא טובה וואס ער דארף, ער

(ר' עקיבא)

האט ניט פארזאמט קיין סעקונדע, נור באלד גיטאהן וואס יענער בדארף.

ער איז געוועזן א חבר אין אלע חברות, צוא טאהן גוטעס האט ער זיך קיין מאל ניט איינגעמיהט, ער האט קיין מאל ניט ענטזאגט א מענשען וואס האט איהם געבעטען א טובה, סיי אין געלד סיי אין טרחה, ער האט פיל בריף געשריבען צוא ווייטע מענשען וואס איינער האט פון יענע באדארפט א טובה.

אמאל האט איהם איינער ערצייהלט אז אין ניין חדשים שפעטער חעט ער דארפען האבען א טובה פון גביר פלוני, וואלט גוט געוועזן דאס דער רבי וואלט מיט איהם דעמאלסט ריידען וועגן דעם. וויא דיא ניין חדשים זיינען אוועק געגאנגען, האט רבי עקיבא גירעדט מיט דעם גביר פאר יענעם, ער האט ניט פארגעסען אין אזא לאנגע צייט.

רבי עקיבא איז געוועזן א גרויסער ענוה, ער האט זיך געהאלטען קלענער וויא אלע מענשען, אפילו נעבן זיינעם א תלמיד האט ער געוויזען ענוות, ער האט קיינעם ניט גערוטצט, צו יעדען מענשען ווען ער האט גערעדט מיט איינגען מאן האט ער אויך גענאנט „איהר״, און ניט „דוא״ קיין מאל האט ער ניט געוואלט דאס איינער זאל איהם בעדינען, בעת ער האט מיט זיינע תלמידים גילערנט און ער האט געברויכט א ספר וואס איז געשטאנען אויף פאליצע, פלעגט ער זיך אליין אויפהייבען פון זיין שטוהל און אויף אליינער ארויפשטייגען נעהמען דעם ספר און ניט ערלויבען קיין תלמיד דאס צוא טאהן.

ער האט קיינעם פון זיין ישיבה גירופען תלמיד, וועהר ווייסט — פלעגט ער זאגען — וועהר פון וועמען עס האט מעהר געלערנט, ער פון מיר, אדער איך פון איהם? ער האט פיל מאל געבעטען פון דיא אלע וואס פלעגען שרייבען צו איהם שו״ת אז מעהר וויא

דעם געוויינליכען רבניתן טיטול „רב" זאלין זייא צוא איהם אין זייערע בריף ניט שרייבען.

מיט יעדען מענשען האט ער פריינדליך גירעדט. ער האט זיך נעהיט אריין צו ברייגנען אמענשען אין כעס, נור איין מאל האט איהם גיטראפען אזא מעשה: בעת ער איז גיוועזען איין רב אין ליסא האט דער נכאי פון ת"ת איהם ערציילט אז אבחור פון ת"ת האט געטאהן אגרויסען חטא, רבי עקיבא האט חוקר ודורש גיוועזען אונ האט גיזעהען אז דאס איז אמת, האט ער באפוילען דעם גבאי דאס ער זאל דעם בחור ארוים טרייבען.

באלד נאכדעם האט רבי עקיבא חרטה געהאט, פופצעהן יאהר האט ער געזוכט דעם בחור, ער האט געוואלט איהם מחילה בעטען.

אז רבי עקיבא איז גיוועזען רב אין „פרידלאנד" האט ער גיהערט אז דער בחור וואהנט אין ברעסלא האט ער צוא איהם געשריבען אבריף אונ גיבעטען ער זאל איהם ענטפערען דאס ער איז איהם מוחל.

ו.

ביז זיין חתונה פלעגט ער גיין אנגעצויגען אין קליידער וויא דיא מאדע איז גיוועזען אין דייטשלאנד, נאך זיין חתונה האט איהם זיין שווער אנגעצויגען מיט זיידענע לאנגע קליידער וויא דער מנהג איז גיוועזען אין פוילין, בכלל אונ אין פוזנא בפרט.

פינף יאהר נאך זיין חתונה האט זיין פאטער הרב ר' משה זצ"ל גיטראפען אשרעקליכע סבה: ער איז גיגאנגען פון זיין שטאט צוא פוס אין איין נאהענטע שטאדט; ער איז גיקומען אויף

צהויכען בארג, אונטען איז געגאנגען אטיפער טייך. פלוצלונג איז געווארען אגרויסער שטורעם ווינד, איז ר' משה אראפ גיפאלין פון בארג אין טייך אריין, קיין מענטש איז דער ביא ניט גיוועז, האט ער זיך געטראכט אז ער מוז דער טרונקען ווערען, פלוצלונג האט זיך איהם פארגישטעלט אגעשטאלט פון זיין זאהן, איינער מענטש אנגעצויגען אין פולישע יודישע קליידער, ער האט איהם אנגעגריפען, אונ ארויס גינומען פון טייך, אוועק גישטעלט אויף דעם ברעג, אונ דער גיוונגער מאן איז פארשוואונדען גיווארען, אין דעם ערשטען אויגען בליק איז ר' משה'ן פארגעקומען אז די גאנצע מעשה איז אחלום. נור אז ער האט גיזעהען מיט אפענע אויגען דעם טייך מיט זיינע נאסע קליידער האט ער פאר שטאנען אז איהם האט גיטראפין אגרויסער נס, ער איז גירעטעט גיווארען פון טויט דורך דעם זכות פון זיין זאהן.

ר' משה איז גיקומען אהיים, אונ האט די גאנצע מעשה ערצייהלט זיין פרויא, אפילו די פארב פון די קליידער וואס דער יונגער מאן האט אויף זיך גיטראגען, האט ער איהר פארגישטעלט, די זעלבינע מעשה האט ער ערציילט זיינע גוטע פריינד, האבין זייא איהם איין עצה גיגעבען ער זאל שרייבען צוא זיין זאהן רבי עקיבא, איהם בעטין: ער זאל שרייבען וויא זעהען אוים זיינע קליידער; אונ אזוי וויא ער איז שוין פינף יאהר פון זיינע עלטערין אוועק גיפאהרען; זאל ער קומען צוא גאסט זעהען זיך מיט זיינע עלטערען.

ר' משה האט געשריבען אבריף צו זיין זאהן איהם גיבעטען ער זאל קומען צוא איהם צוא גאסט.

רבי עקיבא האט גיבעטען זיין שווער אונ פרויא ערלויבניש מקיים צוא זיין כבוד אב, זייא האבען איהם ערלויבט צוא פאהרען אהיים.

רבי עקיבא איז גיקומען אהיים ערב שבת אנגעצויגען אין

(ר' עקיבא) פראסטע

פְּרָאכְטְפֶע קְלֵיידֶער וְויא אַנְדֶערֶע מֶענְשׁ, נוּר לְכָּבוֹד שַׁבָּת הָאט עֶר אָנְגֶעטָאהְן זַיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער.

וְויא ר' משה הָאט אִיהם דֶערְזֶעהֶען אִין זַיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, הָאט עֶר בַּאלְד דֶער קָאנְט דֶעם יוּנְגֶען מַאן וָואס הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט פוּן טייךְ, אוּנ עֶר הָאט דָאס עֶרְצֵיילְט זַיין נָאהְן וָואס הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם זַייעֶר גִיוואוּנְדֶערְט.

רבי עקיבא הָאט דִיא מַעֲשֶׂה קֵיינֶעם נִיט עֶרְצֵיילְט, נוּר אַמָאל שִׂמְחַת תּוֹרָה אַז עֶר אִיז גִיוֶועזֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר דָאס עֶרְצֵיילְט זַיינֶעם אַנְטֶען פְרֵיינְד.

ז.

אִין דֶער שְׁטָאדְט לִיסָא הָאט רבי עקיבא גֶעוָואהְנְט פוּן נָאךְ זַיין חֲתוּנָה בִּיז דִיא גְרוֹיסֶע שְׂרֵיפָה וָואס דָארְטֶען אִיז גִיוֶועזֶען כ' סִיוָן תקנ"א. זַיין הוֹיז אוּנ אַלְס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִיז פַאר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען.

דִיא פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט ראוויטש הָאבִּין גִיהֶערְט וָואס רבי עקיבא'ן הָאט גִיטְרָאפֶען, הָאבֶּען זֵייא בַּאלְד גֶעשִׁיקְט אִיהם בֶּעטֶען, עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זֵייא, עֶר מִיט זַיין פַאמִילְיֶע זָאלְן זִיךְ בַּאזֶעצְן אִין זַייעֶר שְׁטָאדְט.

רבי עקיבא הָאט אַזוֹיא גֶעטָאהְן, עֶר מִיט זַיין הוֹיז גֶעזִינְד זִינֶען גִיקוּמֶען אִין ראוויטש, דָארְטֶען אִיז עֶר גִיזֶעסֶען בִּמְנוּחָה אוֹת מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

עֶס הָאט קֵיין יָאהר נִיט גִידוֹיעֶרְט, זַיינֶען צוּא אִיהם גִיקוּמֶען דִיא פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט מארקיש-פרידלאנד, בֶּעטֶין עֶר זָאל קוּמֶען צוּא זֵייא זַיין רַב. זַיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד הָאבִּין אִיהם

(ר' עקיבא) נעראטהען

געבאטהען צו פאתרען דארטין ווערין רב, ווייל ער וועט דארטען קאנען אויפטאהן גרויסע ענינים, אין אנפאנג האט ער ניט געוואלט, נור נאכדעם האט ער זיך געלאזט איבער ריידען אונ איז אהין געפאהרען

דיא דארטיגע געמיינדע האבין איהם גרויס כבוד גיגעבען, אוים געהאלטען אגרויסע ישיבה אונ נאט האט זייא געהאלפען אין אלע זייערע גישעפטען, זייא האבען געגלויבט אז צוא ליב זיין זכות העלפט זייא גאט צו פערדינען פיל געלד.

דארטען האט ער באקומען אגרויסען נאמען ער איז געווארען אמפורסם.

פון פיל ווייטע לענדער האבען גרויסע גאונים צו אים גישריבען שאלות ותשובות.

אויך דיא רעגירונג האט זיך צוא איהם גיווענדעט ווענין יודישע אינטערעסען אין אמונה אנגעלעגענהייטען אונ אין שטאדטישע אינטערעסען, ווייל דיא רעגירונג האט גיוואוסט דאס ער איז אגרויסער חכם, דערצו האט ער געהאט גרויסע באשעפטיגונג פון ווייטע אונ נאהענטע שטעדט וואס פיל גאונים האבען צוא איהם געשריבען שו״ת אונ ער האט בעבארפט ענטפערען.

הגם ער איז גיוועזען באשעפטיגט מיט פיל ענינים, פון דעסטוועגין האט ער קיין טאג ניט מבטל גיוועזען דעם שיעור וואס ער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים, דרייא שעה יעדען טאג ש״ס אונ תוספות כסדר. א. ג. וו. אויסער דעם וואס ער האט פאר זיך פיל גילערינט.

וויא גרויס זיין „מענשען-פריינד" איז געוועזען, זעהען מיר פון אזא מעשה:

אין זיין שטאדט האט אויסגעבראכען אמין עפעדעמיע, פיל יונגע פרויען זיינען גישטארבען פון נערווענפיבער, עס זיינען

(ר׳ עקיבא) נעבליבען

געבּליבּען זיינעדיקע קינדער אָהן אַנ'אַם , האָט ר' עקיבא געזאָגט אין שוהל אַנאָרעטע דרשה, ער האָט גיבּעטען דאָס אַלע זיינעדיגע פרויען זאָלין צוא נעהמען דיא יתומים וואָס דאַרפען נאָך זיינען אונ זייא ערנעהרען , בּיז דיא צייט פון אַנטוויינען , אַזויא איז געוועזען , איין טאָג אין וואָך פלעגט ער אַרומגעהען צוא דיא אַלע יתומים'לעך זעהען וואָס זייא מאַכען , אויב זייא שלאָפען אין אַריינע וויעג , אונ אויב זייא טראָגען ריינע קליידער , ריינע ווינדעלעך .

אַמאָהל האָט ער זיך עוסק געווען אין אַמצוה צוא טאָהן אַסוכה דעם כּלל . דער צו האָט ער געבּרויכט פיל געלד , איז ער אַרוים געפאָהרען אויף דעם פּראָווינץ אונ האָט געזאַמעלט פיל געלד , ער האָט געוואָלט פאָהרען נאָך אין אַשטאָדט וואָס דיא וועג גייט דורך דער שטאָדט וואו ער האָט געוואוינט , איז ער אין זיין שטאָדט פון וואָגען ניט אַראָפּ געשטיגען זיך ניט געזעהען מיט זיין פאַמיליע אונ איז אַוועק געפאָהרען ווייטער בּיז ער האָט געזאַמעלט זעקס טויזענד ריינטאַלער .

ח.

אין זיינע צייטען וואָס ער איז געווען אַרב אין פרידלאנד . איז געווען אין וואַרשא אַגרויסע אַסיפה וועגין אַוויכטיגע כּלל זאַך , גרויסע פאָרנעהמע מענשען זיינען אַהין געקומען פון פיל פערשידענע שטעדט , דיא נגבּדים פון פּוזנא אונ ליסא האָבען גיזאָגט דאָס אויף אַזא וויכטיגע אַסיפה דאַרף מען האָבען אַוויכטיגען פאַרשטעהער וואָס אַלע סעקטעס פון דער אַסיפה זאָלען האָבען פאַר איהם דרך ארץ , אונ דער צו פּאַסט נור רבי עקיבא .

זייא האָבען געשיקט צו איהם אַשליח מיוחד , זאָגען דאָס

דיא אַסיפָה האָט איהם אויסגעוויילט פאַר אַפּריצענדאַטעל, און מיט זיין קומען אויף דער אַסיפָה קאָן זיין אַטובָה פאַר דעם כלל ישׂראל.

ער איז באַלד געפאָהרען אין ווארשא וואָס דאס איז אַמהלך פון זעכציג מייל.

אין ווארשא האָט ער פאַרבראַכט מעהר וויא אַחודש צייט.

אין יענער צייט וואָס ער איז געזעסען אין ווארשא איז אין פרידלאנד קיין רעגען געווען, וואָס דענסטמאָל איז דאס זייער נויטהיג געווען. אַלע איינוואוינער פון פרידלאנד האָבען געקלאָגט און געוויינט, זייא האָבען מורא געהאט עס זאָל ניט ווערען אַיין הונגער, יודען און קריסטען האָבען געזאגט: ווען דער צדיק ר' עקיבא וואָלט געווען אין שטאָדט, צו ליב זיין זכות וואָלט געוויס גערעגענט; אַמערקווירדיגקייט האָבען אַלע געזעהען; וויא ער איז געקומען פון ווארשא אַהיים האָט באַלד אָנגעפאנגען צו רעגענען, אַלע האָבען זיך אויף דעם געוואונדערט.

דיא גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען רב אין פרידלאנד האָט ער קיינעם ניט געזאגט אַשלעכט וואָרט, ער האָט קיין מענטשען ניט פאַר שעמט. נור אַיין מאָהל האָט געטראָפען אַזאַ מעשׂה.

אין פרידלאנד איז געווען אַגרויסע שׂריפה, פיל יודישע הייזער זיינען פאַר ברענט געוואָרען.

נאָך דער שׂריפה האָבען דיא בעלי בתים אָנגעפאנגען אָפּ צו בויען זייערע הייזער, האָט רבי עקיבא זייא געבעטען ניט צו בויען אום שבת, אַלע האָבען איהם געפאָלגט, נור דאָרטען איז געווען איינער אַגביר וואָס האָט ניט געוואָלט פאָלגען, ער האָט זיין הויז געבויט אום שבת אויך.

רבי עקיבא האָט געשיקט איהם רופען, מתרה זיין ער זאָל דאס הויז ניט בויען אום שבת, דער גביר האָט ניט געפאָלגט. ניט ער איז געגאנגען צו איהם און ניט ער האָט שבת גערוהט פון בויען.

רבי עקיבא האט שבת בייא טאג געזאגט אדרשה אין גרויסע שוהל, ער האט דעם „עולם" ערקלערט דיא גרויסע עבירה פון חלול שבת, אונ ער האט געזאגט: ווער עס וועט איהם ניט פאלגען אונ בויען זיין הויז אום שבת, וועט דאס הויז אין איין קורצע צייט פאר פוילט ווערען אונ איינפאלין.

זיינע ווייד זיינען מקוים געווארען. אין אקורצע צייט איז דעם גבירס הויז פאר פוילט געווארען אונ איינגעפאלען. הגם פון דיא וועלכינע געהילץ האבען אנדערע אויך געבויט, ווייערע הייזער זיינען געוועזען שטארק עס האט ניט געפוילט.

דער גביר האט גימוזט בויען זיין הויז פון דאס נייא, אלע האבין געזעהען דיא גרויסקייט פון רבי עקיבא דאס זיינע ווייד ווערען מקוים.

—•—

ט.

בשנת, אין יאהר תקנ"ו איז געשטארבען זיין ערשטע פרויא הצדקת הרבנית מרת גליקכה, ער האט איהר גרוים כבוד גינעבען, ווייער אביטערין הספד געזאגט אויף איהר.

ער האט מיט איהר געהאט צווייא זעהנע אונ צווייא טעכטער, דער עלטערער זאהן רבי אברהם אין ראוויטש, אין יאהר תרי"ד איז ער געשטארבען אין פוזנא.

דער צווייטער זאהן הגאון הגדול רבי שלמה זצ"ל, אונ איין טאכטער האט חתונה געהאט מיט דעם בעל חתם סופר, איהר נאמען איז געוועזען שרל.

נאכדעם וויא רבי עקיבא איז געווארען איין אלמן, האבען פיל גבירים געשיקט צו איהם שדכנים, יעדער האט געוואלט איהם געבין זיין טאכטער מיט פיל נדן, גור רבי עקיבא האט בעססער

פון אַלֶע שִׁדוּכִים אויסגֶעוויילְט דִיא טָאכְטֶער פון הגאון המפורסם מהו' פייבל מאנן ז"ל וָואס עֶר אִיז גֶיוָועֶן אַב"ד אִין סאטמער אונ אֵיין אֵיידֶעם פון זַיין עֶרְשְׁטֶען שְׁוָועהר.

רבי עקיבא הָאט גֶיזָאגְט אַז דֶעם שִׁידוּךְ דַארְף עֶר טָאהן אִיבֶּער צְוַוייא אוּרְזַאכֶען, דָאס עֶרְשְׁטֶע; זִיא, דִיא כַּלָה, אִיז אַבַּת תַּלְמִיד חָכָם, אונ צְוַוייטֶענְס; זִיא אִיז זַיין גֶיוָועזֶענֶעם שְׁוָועֶרְס אֵנִיינִיקֶעל, וָועט אִיהם זַיין אַנַחַת רוּחַ אויף יֶענֶער וָועלְט, אונ רבי עקיבא הָאט מִיט אִיהר חַתוּנָה גֶיהַאט, אונ טַאקֶע גֶעטְרָאפֶען זִיא הָאט אויף אִיהם גְרוֹיס הַשְׁגָחָה גֶינֶעבִּין אַז אִיהם זָאל זַיין גוּט.

אִין פרידלאנד אִיז עֶר גֶיוָועזֶען אֵיין רָב צְוַוייא אונ צְוַואנְצִיג יָאהר.

חָנַם עֶר אִיז כָּל יָמָיו גֶיוָועזֶען אַב"ד. דָאךְ הָאט עֶר דִיא רַבָּנוּת מְמַאֵס גֶיוָועזֶען, עֶר הָאט אַמָאל גֶעשְׁרִיבֶּען אַבְּרִיף צוּ אֵיינֶעם פון זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד, אִין יֶענֶעם בְּרִיף הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גֶירֶעדְט זַיין הַאֶרְץ וְוִיא אַזוֹיא עֶר וָואלְט בֶּעסֶער צוּ פְרִידֶען גֶיוָועזֶען צוּ עֶסִין בְּרוֹיט וְוִיא אַלֶע אָרֶעמֶע לַייט, נוּר קֵיין רָב נִיט צוּ זַיין; נוּר זַיין פְרוֹיא אונ קִינְדֶער ווִילֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט דָאס עֶר זָאל זִיךְ עַנְטְזַאגֶען פון רַבָּנוּת, דַארוּם מוּז עֶר גֶעגֶען זַיין ווִילֶען זַייעֶר ווּאוּנְשׁ אונ פֶערְלַאנְג עֶרְפִילֶען.

פְּעַת, אִין דֶער צַייט וָואס רבי עקיבא אִיז גֶיוָועזֶען רָב אִין „פרידלאנד". הָאט זִיךְ אִיהם גֶעמַאכְט אַשְׁוָועהְרֶע „הַלָכָה", עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט שְׁטֶעלֶען אויף זִיךְ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם הגאון החסיד רבי יוסף יאסקא אִין פּוֹזְנָא, גִיפְרֶעגְט בַּייא אִיהם זַיין מֵיינוּנְג. אָבֶּער רבי יוסף יאסקא הָאט אִיהם נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט.

רבי עקיבא הָאט דֶער פון גֶעהַאט גְרוֹיס פַארְדְרוּס, עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גֶעטְרַאכְט; עֶנְטְוֶוידֶער דִיא שְׁאֵלָה אִיז נִיט וֶוערְט אַז דֶער גאון זָאל אויף דֶעם עֶנְטְפֶערִין, אָדֶער עֶר הָאט אויף אִיהם אַפֶּעֶס.

אין אצייט ארום איז רבי עקיבא דורך אסבה געקומען אין פוזנא [illegible] האט באלד באזוכט דעם גאון צו הויזע.

[illegible] יוסף יאסקא האט איהם פיל כבוד גינעבען וויא עס פאסט [illegible] דעם גרעסטען גאון.

— אגט מיר — האט רבי עקיבא גיפרעגט — פאר וואס האט איהר מיר ניט גיענטפערט אויף מיין פראגע?

— ווייל — האט דער גאון גיענטפערט — איהר ברויכט ניט מיין הסכמה, איהר ווייסט אליין גאנץ גוט דיא הלכה, אייער פרעגין איז נור גיוועזען ווייל איהר זיינט אזוי ענוו אדער מיך צו געבין כבוד, מוז איך אייך זאגען: אז איך בין אגרויסער טרוד, אונ אז איהר וועט אמאל זיין איין רב אין פוזנא וועט איהר דענסטמאל זעהען אז מען קאן ניט אויף אלעם ענטפערין.

דעם גאונ'ס רייד איז מקוים גיווארען, אין אצייט ארום איז רבי עקיבא גיווארען רב אין פוזנא, דאס איז גיוועזען בשנת תקע"ד.

י.

קומענדיג אין פוזנא האט ער געהאט פיל מתנגדים, וויא דער „סדר-עולם" איז, נור אז זייא האבען גיזעהען דעם גרויסען כבוד וואס דיא גאנצע שטאדט האט איהם גינעבען, אויך דאס גאנצע לאנד, דען דיא גרעסטע לייט פון ארום פוזנא זיינען גיקומען איהם מקבל פנים זיין, זייא זיינען איהם אנטקעגין גינאנגען טאנצענדיג מיט כלי זמר, אז דיא מתנגדים האבען דאס גיזעהען זיינען זייא גיווארען אוים מתנגדים. נור איין בייכער קצב אגרויסער עזות פנים איז בייא זיין הויז געשטאנען, דיא ארבעל פארקאסערט אונ האט גיקוקט אויף דיא פיל מענשען

װעלכע זײנען פאר בײא זײן הױז ניפאהרען פון קבלת פנים .

װיא דער קצב האט גיזעהען דיא פוהר װאס רבי עקיבא איז דארטען גיזעסען , האט ער געזאגט ; װאס מאכט מען פאר איהם אזא גרױסען פאראד ?.

איך פאר שטײא ניט פאר װאס איהם קומט דאס , ער איז דאך אױך נור אײן בשר ודם — ;

װיא ער האט דאס געזאגט , איז ער באלד געפאלען אױף דער ערד , אונ איז געבליבען ליגען .

אלע האבען גיזעהען דאס גאט האט איהם באשטראפט פאר זײן נארישען צונג .

פון דענסטמאהל אהן האט קײנער גירעדט אשלעכט װארט אױף רבי עקיבא׳ן .

אין דאס הױז וואו רבי עקיבא האט געװאהנט איז פאר איהם דארטען גיזעסען הגאון הקדוש רבי נפתלי כהן זצ״ל.

ער האט געמאכט אױף דעם װאנד פון פאר הױז אבולטן הירש מיט גרױסע הערנער , אינעװײניג האט ער אבײנגעלײגט הײליגע שמות פאר אסגולה אז אין שטאדט זאל קײן שריפה ניט זײן .

רבי עקיבא האט דיא שמות ארױס גענומען , זײא בודק גיװען אונ נאכדעם — װיא ער האט זײא מתקן גיװען — האט ער זײא צוא ריק אבײנגעלײגט אין דיא הערנער , אונ ביז הײנטיגען טאג איז דארט קײן שריפה ניט גיװען .

פון דער צײט װאס ער איז געקומען אין פוזנא איז ער געװארען אגרױסער טרוד . פון פיל גאהענטע אונ װײטע שטעדט זײנען געקומען יונגע לײט לערנען אין זײן ישיבה . אונ פיל גרױסע רבנים האבען צוא איהם געשריבען שאלות-ותשובות• ער האט אלעמען גיענטפערט .

ער האט אזוי פיל תשובות געשריבען אז עס איז קײן צײט

נים געװען צוא קופירען װיא, דאך זײנען טױזענדער תשובות קופירט געװארען.

װער עס האט געהאט אגרױסען ענין איז געקומען צוא איהם פרעגען איין עצה.

רבי עקיבא איז געװען אגוטער מוהל, ער איז געגאנגען אויף אלע בריתן, אויף פלעגט ער פאתרען אויף אברית װען יענער האט איהם געלאדען פון איין דארף װייט פון פוזנא.

אמאהל איז ער װינטער צייט געפאהרען אגאנצע נאכט אויף אברית, אויף דעם מיטען װעג איז געװארען אגרױסער רעגען, דיא װעג איז געװארען שלעכט.

דער װאגען האט זיך געדרייט דער בעל עגלה איז ארא‍פ געקראכען פון װאגען איהם אונטער געשפארט ער זאל זיך נים איבער קערען, ער איז געקראכען ביז דיא קניא אין װאסער ביז זייא זיינען געקומען אויף אגלאטע װעג, האט זיך דער בעל עגלה ניזעטצט אויפען פודר.

באלד האט רבי עקיבא צו איהם געזאגט דיינע שטריםפף (זאקען) איז דאך נאס, גאדיד אפאאר טרוקקענע שטריםפף אונ בייט אום.

דער בעל עגלה האט זיך שטארק געװאונדערט װאו האט ער גענומען שטרימפף, װייל זיין קאפיז זאכען איז געװען פאר שלאסען אונ צוא געבונדען, נור ער האט נים גיפרעגט.

אין דער פריה האט דער בעל עגלה גיזעהען דאס רבי עקיבא געהט בארפוס. װייל ער האט אב געצױגען פון זיך זיינע שטרימפף אונ האט איהם אב גינעבען.

— רבי! — האט דער בעל עגלה געזאגט — איהר האט זיך מסכנה גיװען, אבער װיא אזוי טהוט איהר אזא זאך צו.. בלייבען בארפוס?

— װיא רען דארף זיין? — האט רבי עקיבא גיענטפערט.

— מיינ, פיס זיינען דאך געווען טרוקען און דיינע נאס על פי יושר האב איך רעכט געטאהן.

אלע נאכט פלעגט ער מאכען איין חשבון הנפש כדי צוא וויסען וואס ער האט דעם גאנצען טאג אפ געטאהן, און אויף מארגען זאל ער קענען פאר ריכטען.

צוויא און צוואנציג יאהר האט ער קיין פלייש ניט געגעסען, אויסער ווען צוא איהם פלעגט קומען איין וויכטיגער גאסט צוא מיטאג, פלעגט ער צו ליב דעם אורח עסען א שטיקעל עוף, ניט צו קיצן, כדי דער נומען זאל קיין הנאה האבען, נור שטיקלאך, ניט צו קייטע אראפ שלינגען, ביז ער איז דורך דעם שטארק קראנק געווארען, קוים וואס דאקטורים האבען איהם געראטעוועט פון טויט.

אמאהל האט איהם זיין פרויא געגעבען צו מיטאג פלייש פון איין עוף, ער האט ניט געגעסען.

— ווארום עסט דוא ניט? — האט זיא איהם געפרעגט;

— ווייל — האט ער געענטפערט, מיר האט זיך דיא נאכט געחלומט איך זאל דיא עוף ניט עססען.

דיא רעבעצין האט דאס באוואונדערט, האט זיא גענומען דיא איגערליבע פון דעם עוף און האט איהם געוויזען האט ער געפאסקענט אז דער עוף איז טרייף, דענסטמאל האט דיא רעבעצען געוואוסט וויא הייליג ער איז.

יא.

דיא מצות פון „ביקור חולים“ האט ער שטארק מקיים געווען, ער פלעגט פיל מאל נעכטיגען ביא אקראנקען און איהם בעדינען. און אז ער האט בשום אופן ניט געקאנט נעכטיגען (ר׳ עקיבא)

ביא דעם קראנקען , פלעגט ער דינגען צוויא מענשען , ניא באצאהלען פון זיין איינעגע קעסענע אז זיא זאלין פאר איהם דארטין געבעטינגען .

בשנת , אין דעם יאהר תקצ"א האט אין גאנץ איירָאפּא אוים געבראכען דיא ״חלי רע״. אין פוזנא האט זיא פיעל שלעכטעם געטאהן .

רבי עקיבא האט מיט אלע זיינע קרעפטען געשטריטען געגען איהר , מיט זיין קערפער , אונ מיט געלד , אונ ווער עס האט פערלאנגט פון איהם איין קאמיע , האט ער גיגעבען .

פיל קראנקע האט ער געבאטעוועט פון טויט , זיין נאמען איז גרוים געוואָרען , אזויא גרוים אז דער קעניג פון פרייסען פרידריך ווילהעלעם דער דריטער האט איהם שריפטליך געדאנקט . אונ ער האט צו איהם געשריבען .

איך האבע אוים איהרעם אן דיא אימעדיאט קאמיסיאן צור אבוועהרונג דער חלי רע ערשטאטטעטען בעריכט איבער דיא שטערבליכקייט אין פאזען וואהלגעפעלינ פערנאמען , וויא גינסטיג זיך דאס פערהעלטענים דער אין דער שטאדט פאזען אין דער קאלערא ערקראנקטען אונ געשטארבענען יודען אין פאלגע דער פון דער דארטיגען יודענשאפט אינטער דער טהעטיגען אונד אומזיכטספאללען לייטונג איהרעם אבערראבינערם יאקאב מאזעס אייגער ערגריפענען מאאסרעגעלען צור אבוועהרונג זא וויא צור היילונג דער קראנקהייט געשטעלט האט אונד בעאויפטראגע דיא דעם גענאנטען אבעררבינער מיין וואהלגעפאללען אונד מיינע צופרידענהייט מיט דעם פאן איהם אין דער שטאדט פאזען בעאבאכטעטען נאכאהמונגסווערטען פערפארען אויסצודריקען .

אן דען אבער פרעזידענטען פלאטטוועלל צו פאזען .
בערלין דען 5 טען סעפטעמבער 1831
געצייכ' ״פרידריך ווילהעלעם״ .

(ר' עקיבא)

רבי

רבי עקיבא איז גֶעוֶועֶן זֵייער אַגוּטֶער צוּ לַייטֶען, זַייא צוּ הֶעלְפֶען מִיט גֶעלְד אוּנ טִרְחָה.

פִיעל מֶענְשֶׁען הָאבֶען בַּאוואוּנְדֶערְט וֶועהֶענְדִיג וִויא שְׁלַאף עֶר אִיז גִיוֶועֶן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייט צוּא הֶעלְפֶען אָרֶעמֶע קְרַאנְקֶע אוּנ הָאט זִיךְ מִיט זַיין כָּבוֹד מְבַטֵל גִיוֶועֶן.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהם אַיינֶער מִיט אַיין פֶעהלֶער וָואס דֶערְצוּ הָאט מֶען גֶעבְּרוֹיכְט הָאבֶען אַגֶעגִיטֶען מוֹהֵל, אוּנ גֶראד אִיז יֶענֶער מוֹהֵל גֶעוֶעסֶען שִׁבְעָה, אִיז רבי עקיבא מִיט דֶעם קְרַאנְקֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם מוֹהֵל אַהֵיים.

— רבי! — הָאט דֶער מוֹהֵל גֶעזָאגְט — מָארְגֶען אִיךְ וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵייעֶן פוּן שִׁבְעָה, וָואלְט אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ אַהֵיים וָואצוּ הָאט אִיהר אַייךְ מַטְרִיחַ גִיוֶועֶן צוּא קוּמֶען הַיינְט צוּא מִיר?

— בִּיז מָארְגֶען — הָאט רבי עקיבא גֶעעֶנְטְפֶערְט — וָואלְט דָאךְ דֶער קְרַאנְקֶער נִיט גֶעוֶועֶן רוּהִיג, אוּנ יֶעטְצְט אִיז עֶר מִיט אַטָאג פְרִיהֶער רוּהִיג.

יב.

רבי עקיבא אִיז גֶעוֶועֶן אַלֶע מָאל אַיין עָנָיו. מִיט יֶעדֶען מֶענְטְשֶׁען הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ מַקְדִים גֶעוֶועֶן צוּא גֶעבֶּען שָׁלוֹם לְכָל אָדָם.

אַמָאהל אִיז אַיינֶער פוּן קֶענִיגְס פַאמִילְיֶע גֶעקוּמֶען אִין פּוּזנא, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַשְׁלִיחַ צוּ רבי עקיבען פְרֶעגֶען; ווען הָאט עֶר צֵייט אִיהם צוּ עֶמְפְּפַאנְגֶען בַּייא זִיךְ צוּ הוֹיז?

— רבי עקיבא הָאט דֶעם שָׁלִיחַ גֶעעֶנְטְפֶערְט; זָאג אִיהם אַז צֵייט הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל נִיט, נָאר אַז אַיינֶער קוּמְט צוּ מִיר

נעהם איך איהם אויף נייער פריינדליך, איך הער וואס ער רעדט אונ ענטפער איהם וויא איך פארשטייא.

דער ענטפער איז דעם ער געפעלען געוועזען.

הגם רבי עקיבא איז געווען אשלאפער מענטש, נור אז ער האט גערעדט וועגען אפרוטע ענין פלעגט ער ריידען מיט גרויס התלהבות.

דיא מענטשען וואס האבען איהם נאך געקאנט, פלעגען איהם ניט ערקענען אז דאס איז דער עניו, דער שלאפינגער. ער פלעגט זיך ניט שעמען צוא זאגען דעם גרעסטען גביר פון שטאדט דעם אמת.

אמאל האט רבי עקיבא באקומען דורך זיינע גרויסע השתדלות צעהן טויזענד ר"ט (רייכסטאהלער) פון איין גביר צו בויען פאר דאס געלד אגאנצע קראנקען-הויז מיט איין בית המדרש.

דער נדיב האט געבעטען דאס דיא קראנקען-הויז מיט דעם בית המדרש זאלין ניט זיין אונטער דעם שוטץ פון דיא געמיינדע פארשטעהער. רבי עקיבא האט אום געבויט צום בית המדרש אקליינע שטיבעל פאר איהם צוא זיטצען דארט ביחידות, איין טאג אין יעדען חדש, דעם צעהענטען, פלעגט ער זיך אפזונדערען פון אלעמען, ער האט אין יענעם טאג געמאכט אחשבון הנפש, קיינעם ניט צוא געלאזען צו זיך.

ער האט אויפגענומען גבאים אונ משגיחים אכטונג צוא געבען אויף דאס בית החולים אונ אויף דעם בית המדרש, ער האט דארטען מתקן געווען פיל נוטע תקנות.

מיט דער צייט איז דער נדיב געשטארבען. אונ אין שטאדט זיינען געווארען יונגע גבאים זייא האבען געוואלט צוא נעהמען דיא קראנקען-הויז מיט דעם בית המדרש אונטער זייער שוטץ. זייא האבען געבעטען דיא רעגירונג זאל זייא העלפען דער צוא, ווייל אללע שטאדטיגע אנשטאלטען געהערען צוא זייא.

אָבָער רבי עקיבא הָאט גְעווְיזֶען .דיא רֶעגִירוּנְג אַז דֶער גְויב הָאט דָאס גִיט גְעוָואלְט אוּנ דִיא רֶעגִירוּנְג הָאט מְסַכִּים גְיוֶועזֶען אַז רבי עקיבא הָאט רֶעכְט .

אִין יֶענֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ הָאט עֶר גִילֶערִינְט מִיט פִיהל תַּלְמִידִים (דֶער שְׁטוּהל וָואס רבי עקיבא אִיז אוֹיף אִיהם גִיזֶעסֶען , שְׁטֵייט נָאךְ אִין יֶענֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ) אוּנ אִין זַיין צַוָואָה הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען דָאס דִיא צְוֶועלִיבֶע הוּנְדֶערְט גָאלְדְשְׁטִיקֶע וָואס עֶר הָאט גֶעלִיהֶען דִיא גַבָּאִים אוֹיף הִצְטַרְכוּת פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּנ בֵּית הַח׳לִים פֶערְלַאנְגְט עֶר נִיט צוּרִיק עֶר ווִיל הָאבֶּען אחלק אִין דִיא צְוֵוייא בְּגָנִים .

י״ג.

עֶס פְלֶעגְט טְרֶעפֶען אַז רבי עקיבא פְלֶעגְט פָאהרֶען אִין אַוֶוייטֶע וֶועג , אִין ,עדֶען אָרְט וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט וואוּ ,יֶענֶער רָב וָואהנְט אוּנ פְלֶעגְט צוּ אִיהם אַוֶועק גֵיין חוֹבֵךְ וְדוֹרֵשׁ זַיין אוֹיב אִין זַיין שְׁטָאדְט אִיז אַלְץ אִין אָרְדְנוּנְג . אוּנ רבי עקיבא פְלֶעגְט אִיהם הֶעלְפֶען מְתַקֵן זַיין אַלְץ וָואס עֶס אִיז נאר מֶעגְלִיךְ גְעוֶוען .

אַמָאל אִיז עֶר גִיפָארֶען בְּאַזוּכֶען זַיין מוּטֶער אִין אייזענשטאדט, אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז עֶר גִיקוּמֶען אִין ניקלשבורג אוּנ הָאט בְּאַזוּכְט דֶעם הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ רבי מרדכי בנעטה זצ״ל דֶער קֶבייז רב אִין מֶעהְרֶן . פִיל גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען פוּן שְׁטָאדְט זַיינֶען צוּא זַאמֶען גֶעקוּמֶען זֶעהֶען דֶעם וֶועלט בְּעריהמְטֶען גָאוֹן רבי עקיבא איינער, זַייא הָאבֶּען אִיהם גִיבֶּעטֶען : עֶר זָאל בַּייא זַייא בְּלֵייבֶּען שַׁבָּת , אָבֶּער רע״א הָאט נִיט גְעוָואלְט , דארום הָאט עֶר זַיינִיג תּוֹרָה גִינָאמְט פַאר דֶעם גָאוֹן מ״ב , אוּנ אִיז אַוֶועק גְעפָאהרֶען , הָאט דֶער הַגָאוֹן מ״ב גְעזָאגְט צוּ זַיינֶע גֶעסְט : אִיךְ פַארְשְׁטֵייא נִיט וָואס אוֹיף דֶער וֶועלְט קְלִינְגְט אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין נָאמֶען , אִיךְ הָאבּ פוּן אִיהם קֵיינֶע ווִיכְטִיגֶע תּוֹרָה גִיהֶערְט .

רבי עקיבא האט זיך ערדינערט אז ער האט מיט דעם גאון מרדכי בנעט אויבקטינגען צגין צו ריידען, האט ער זיך צו־ריקגעקעהרט אין ניקלשבורג אונ איז אוועק געגאנגען צום גאון מ"ב, דאס מאל האט רע"א געוויזען וואס ער קאן, ער האט געזאגט שארפע טיפע תורה, אז דער גאון מ"ב איז שטארק נתפעל גיווארען. האט ער געזאגט; יעטצט וויים איך אז דיא וועלט האט קיין טעות ניט, איך האב ערפאהרען צוייא זאכען, דאס ערשטע: דיא גרויסקייט פון רבי עקיבא אייגער אין לערנען, אונ דאס צווייטע: זיינע ענוות, ער האט קיין תורה ניט גיוואלט זאגען, ווייל ער האט גיוואלט הערען תורה פון מיר.

רבי עקיבא אייגער האט גיהאט אגוטען פריינד הגאון האמיתי רבי יעקב בעל "חות דעת" ער איז גיווען ארב אין ליסא (איינינע מייל פון פוזנא) ער פלעגט אפט קומען אין פוזנא זעהען זיך מיט רבי עקיבא אייגער, ער פלעגט זאגין: דאס רבי עקיבא איז איין בקי גדול וויא דער הגאון בעל הש"ך ז"ל אונ אצדיק וויא דער הגאון רבי שמעלקא הורוויטץ ז"ל פון ניקלשבורג.

אויך פלעגט ער זאגען: ביז איך קום צו רבי עקיבען האב איך אטעות, איך מיין דאס איך בין אלמדן, נור אז איך קום צו איהם זעהע איך וועמען מען דארף רופען תלמיד חכם גדול, איך ווער פאר איהם בטל מיט מיין לערנען אונ מיט מיין וויסען ש"ס אונ פוסקים.

אמאל האבען די ווארשעווער רבנים איהם גיפרעגט אשאלה וועגין איין עגונה, האט ער גיענטפערט עפ"י דין פון ש"ס אונ פוסקים מעג זיא חתונה האבען נור ער וויל דאס זיא זאל ווארטען ביז נאך סוכות.

חול המועד סוכות איז געקומען איהר מאן אהיים, האבען אלע גיזעהען וויא גרוים רבי עקיבא איז.

———

יד.

רבי עקיבא האט זיך שטארק גערהיט פון חלול השם, אזאך וואס אנדערע רבנים האבען כשר געמאכט, הגם ביי איהם איז כהשקפה הראשונה אויס געקומען אז זייא האבען געהאט אטעות, פלעגט ער הארעווען, דיא זאך כשר צו מאכען, כדי דער המון עם זאל ניט פארלירען זייער צוטרוי צו גרויסע רבנים.

עס האט פיל מאל געטראפען; אז ער האט כשר געמאכט אזא זאך וואס אנאנדער רב וואלט מורא האבען כשר צו מאכען, ער האט געהאט אגרויסען קראפט צו מאכען כשר נור דאס האט ער געטאהן פאר אנדערע מענשען, אבער פאר איהם אליין איז ער אין יעדער זאך גיוועזן אגרויסער מחמיר.

רבי עקיבא האט פיל גילערינט חכמת הקבלה, נור ער האט דאס קיינעם ניט געזאגט, ווייל ער האט ניט געזוכט כבוד, אונ ער האט ניט גיוואלט וויזען דאס ער קאן אזא זאך וואס ניט אלע קאנען דאס.

זיינער אתלמיד איז אמאל גיזעסען ביי רבי עקיבען אין חדר, זייא האבען גילערינט ביז נאך האלבע נאכט, ער האט גיזעהען אז דאס ליכט וועט באלד אויס ברענען, מעהר וויא דרייא מינוט וועט ניט דויערען וועט אין חדר ווערען פינסטער, איז דער תלמיד געלאפען ברייגגען אליכט, ער האט זיך געזאמט מעהר וויא אהאלבע שעה, אז ער איז גיקומען האט ער גיזעהען אז דיא ליכט ברענט נאך, האט ער באלד פארשטאנען אז זיין רבי האט דאס געמאכט מיט קבלה. נור רבי עקיבא האט דעם ספר וואס ער האט אין איהם גילערענט באלד בעהאלטען.

אויף מארגען אז רבי עקיבא איז ניט גיוועזן אין זיין חדר האט דער תלמיד געזוכט אונ געפונען דעם ספר'ל, האט ער אין איהם גיזעהען פיל שמות הקדושים האט ער פארשטאנען אז זיין רבי לערינט נסתר.

דינע יְחִידֵי סְגוּלָה פְּלֶעגְט עֶר אַמָאל גֶעבִּין אַקְמִיעַ אָדֶער אַסְגוּלָה.

אַמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין ווארשא, פִינְף טֶעג צֵייט הָאט דיא גֶעמֵיינְדֶע אִיהם נִיט גִילָאזֶען אַוֶועק פָאהרֶען, אַלֶע אֵיינְוואהנֶער יוּדֶען אוּנ נִיט יוּדֶען, הָאבִּין אִיהם גְרוֹיס כָּבוֹד גִינֶעבֶּען, דיא גאנְצֶע נאכט — וואו עֶר אִיז גִיוֶועזֶען הָאט מֶען נִיט גִיקָאנְט דוּרְךְ נַיין מַחְמַת פִיל מֶענְשֶׁען וָואס הָאבִּין אִיהם גִיוָואלְט זֶעהֶען, אַלֶע פִּידָטֶעל שָׁעָה הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרוֹיס גַיין אוֹיף דֶעם בַּאלְקָאן זִיךְ נייזֶען פַאר אַלֶעמֶען אוּנ זַייא בֶּענְטְשֶׁען, דֶער רַעַשׁ אִיז אַזוֹי גְרוֹיס גֶעוֶועזֶען אַז דיא רֶעגִירוּנְג הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז דָאס אִיז אַיין פָּאלִיטִישֶׁע בֶּאוֶועגוּנְג.

דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר אִיז דֶענְסְטְמָאל נִיט גֶעוֶועזֶען אִין ווארשא, עֶר אִיז צוּ לִיבּ דֶעם גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ גֶעוֶועזֶען אוּנ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דָאס אִיז נוּר לְכָבוֹד דֶעם אוֹרֵחַ, אִין יֶענֶעם טָאג אִיז רבי עקיבא גִיוֶועזֶען אַוֶועק גֶעפָאהרֶען הָאט דֶער גוּבֶּערְנָער צְוַוייא שָׁעָה אִיהם נָאכְגֶעיָאגְט כְּדֵי עֶר זָאל אִיהם זֶעהֶען אוּנ בֶּעטֶען אַבְּרָכָה.

אַז רבי עקיבא אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים, הָאט עֶר נָאט גִידַאנְקְט פַאר דיא חֶסֶד וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעשְׁטַארְקְט נִיט נִתְפָּעֵל צוּ וֶוערִין פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען כָּבוֹד.

טו.

אִין יָאהר תקצ"ז אִין אֱלוּל אִיז רבי עקיבא קְרַאנְק גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעקָאנְט עֶפֶּעס רֵיידֶען.

— אִיךְ נֵיים פִיל — הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא זֵיינֶע קִינְדֶער — אָבֶּער... גָאט וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ וִויל לֶעבֶּען נִיט צוּ לִיבּ דֶעם הֲנָאָה צוּ הָאבֶּען פוּן דֶער וֶועלְט, נוּר צוּ דִינֶען גָאט.

בְּשְׁנַת, אִין דֶעם יָאהר תקצ"ח, דְבַייצְעהן טֶעג אִין חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען.

(ר' עקיבא) עֶר

ער האט גילאזען צוויא צוואות, איינע וועגען זיין פאמיליע, אונ דיא צווייטע: וועגען זיין קבורה, דאס ערשטע דיא מענשען וואס זיינען רעוירט דעם בארד זאלין ניט גיין צו זיין לויה אונ קיין חלק נעהמען אין זיין קבורה, נור אויב זייא וועלען אויף זיך מקבל זיין מעהר ניט צו ראזירען זייער בארד, מעגין זייא אלס, אונ ער האט זייא אין זיין צוואה פארשפראכען; אז גאט וועט זייא מוחל זיין אויף העבר, פיל מענשען האבען אויף זיך מקבל גיוועזען זיך ניט צו באזירען.

צווייטינס; שלא בפנים זאל מען איהם ניט מספיד זיין, אונ קיין שבח ניט זאגען, נור דאס פון פופצעהן יאהר אלט ביז זיין טויט האט ער גילערינט תורה ברבים דורך גרויסע יסורים, יריטשענס; אויף זיין מצבה זאל מען שרייבען; פ״נ הרב רע״א אונ מעהר גיט.

רבי עקיבא האט גילעבט 76 יאהר, פון איהם זיינען געבליבען אכט זעהנע אונ זיבען טעכטער,

פיל ספרים געדרוקטע אונ געשריבענע זיינען פון אים גיבליבען, חידושים אויף גאנץ משניות, אונ אויף בבא מציעא ופתובות, אויף ארבעה שולחן ערוך, שו״ת, חשנות אונ תגהות אויף דעם רמב״ם ועוד ועוד:

חערת המעתיק:

אין אונזערע יאהרען ווערען אנעלכע גרויסע מענטשען ניט געבארען, דארום האבען מיר געפונען אהוב קדוש צוא שטעלין נאך איהם די קליינע מצבה, אונזער נעגענווערטיגען ספר׳ל, און מיר בעטין איהם מחילה וסליחה מאמער האבען מיר חלילה פוגע בכבודו גיוועזען, כי לכל העם (לרבות כופר ע״ב״י) בשגגה!.

שר של ים.

ענדע

Oscar

60

23/32